בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ

תש"פ

היכל הקודש

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה   אִישׁ אֱמוּנוֹת


ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער אֱמֶת'ער פְּלַאץ צוּ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? ............ א

וָואס אִיז ווִיכְטִיגֶער, נֶעמֶען גֶעסְט אָדֶער מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער? ............ ג

אֵיינֶער וָואס הָאט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע, ווִי אַזוֹי קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן? ....... ד

זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת, אוּן קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב? ........ ו

אֶפְשַׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן מֶער שִׁיעוּרִים פַאר פְּרוּוִוען? ............ ח

מֶעג מֶען גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט? ............ י

ווִי שְׁטַארְק דַארְף מֶען זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם מַאן? .. יא

אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן מֵיידְלֶעךְ, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה? ............ יג

ווִי אַזוֹי קֶענֶען דַאוְונֶען אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפָרְדִים צוּזַאמֶען? ............ טו

פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן ............ א

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִיז דוּרְךְ אֱמוּנָה ............ ב

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִין עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ. ג

בַּיי אַ מֵיידְל אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִשְׁנִיוֹת, בַּיי אַ מֵיידְל אִיז דָא צְנִיעוּת ............ ד

שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִי זֶעכְצְנְטֶע מָאל ............ ו

אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער ............ ז

נִישְׁט פָאַרְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט צוּם רֶבִּי'ן ............ ח

דוּרְכ'ן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן ............ ח

אַ מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל ............ י

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד ............ יא

דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן ............ יב

זִיךְ נִישְׁט צְווִינְגֶען צוּ שְׁלָאפְן ............ יג

זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים ............ יג

לַאדְענֶען אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ............ יד

זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ גוּטֶע סְבִיבָה ............ טו

לֶערְן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג ............ טו

אִיבֶּערְגֶעטֵייטְשְׁטֶע בְּרִיוְון אוֹיף עֶנְגְלִישׁ ............ טז

דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן ............ יז

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי סְקוּל אִין שְׁטֶעטְל ............ יח

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן ............ יט

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג בַּאצָאלְן פַארְן רֶבִּי'ן ............ יט

עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר אוּן קֶען מִיר הֶעלְפְן ............ כ

אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. כא

אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריְקֵייטְן, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן ............ כב

אַ סְגוּלָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן רְשָׁעִים - נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן זֵיי ............ כג

נִישְׁט רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה ............ כד

זָאגְן תִּקּוּנֵי זֹהַר אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל; זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן ............ כה

מִיט תְּפִלָּה וֶועט זַיין שֶׁפַע אוֹיף יוֹם טוֹב ............ כו

מְחַזֵּק זַיין דִי לֶערֶערְס פוּן סְקוּל ............ כז

תּוֹרָה בְּרֶענְגְט גֶעלְט ............ כח

נָאר דוּ בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֵייסְט מִיךְ ............ כט

חִזּוּק פַאר אַ תַּלְמִידָה אִין בֵּית פֵיגָא ............ ל

עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים ............ לב

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן ............ לב

אִין אוּמַאן דַארְף מֶען פוּן פְרִישׁ מְקוֹרָב וֶוערְן...... לד

זִיךְ פַארְנֶעמֶען צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען..... לה

אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּנֶעם יָאר מִיט תּוֹרָה תְּפִלָּה ............ לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער אֱמֶת׳עֶר פְּלַאץ צוּ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער אֱמֶת'עֶר פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין, עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל רַבָּנִים אוּן רֶבִּי'ס, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ מֶען טְרֶעפְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶוערְט מְחוּזָק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מִתְנַגֵּד אוֹיף דֶעם פְּלַאץ, אוֹיבּ מֶען מֶעג אַהִינְגֵיין? אוּן אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי רֶבִּי פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, ווָאס אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֱמֶת דָארְט, דַארְף מֶען מִיטְשְׁפִּילְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן אַהִינְגֵיין זֵיי צוּ מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (אוֹת טו) אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין דִיר מַעתִּיק אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי צַוָואָה:

״ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג ? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע״ב) אַז ווֶען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער ווֶען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען

בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה און מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג און מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ און אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בַּיי אַן אֱמֶתְ'ן צַדִיק", עַד כַּאן לְשׁוֹנוֹ.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי־אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר פָאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען און פְרֶעגְט זֵיי: "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר ווִיל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, "וְאַחַר־כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", אָבֶּער בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט און מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט און מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט אַז דֶער שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן גֵייט אַרוֹיף בִּכְלָלִיוּת אוֹיף אַלֶע תַּאֲווֹת און בִּפְרָטִיוּת אוֹיף דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ אַ מַנְהִיג, אַ רֶבִּי וְכוּ'; דֶער רֶבִּי לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט און אַלֶע חֲסִידִים לוֹיפְן אִים נָאךְ, יֶעדֶער מֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס, בִּיז עֶס קוּמְט דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן לֶעבְּן, דֶעמָאלְט עֶפְנְט דֶער מַנְהִיג זַיינֶע הֶענְט און מֶען זֶעט לֵיידִיגֶע הֶענְט הַשֵּׁם יְרַחֵם; וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ רֶבִּי טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן: 'וָואס גֶעבְּט מִיר דֶער רֶבִּי אִין מַיינֶע הֶענְט? מִיט וָואס גֵיי אִיךְ אַהֵיים? אוֹיבּ דֶער רֶבִּי אִיז מִיר מְזַכֶּה מִיט תּוֹרָה, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, אִיךְ הֵייבּ אָן שְׁפִּירְן ווִי אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער' - דֶעמָאלְט אִיז גוּט, אָבֶּער סְתָּם גֵיין צוּ אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט דִיר גָארְנִישְׁט, נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן דָארְט - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

מֶען זֶעט בְּגַשְׁמִיּוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט און עֶר זוּכְט אַ דָאקְטֶער וָואס קֶען אִים הֵיילְן, אִיז נִישְׁט דָא דָארְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ: "אִיךְ גֵיי צוּ דֶעם דָאקְטֶער וַוייל זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען מַיין טַאטֶענְ'ס דָאקְטֶער", נָאר אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט וָואס אִיז גוּט פַּאר אִים, וֶוער הֵיילְט אִים? וֶוער נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיינֶע מַחְלוֹת? אַזוֹי דַארְף מֶען קוּקְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל): "דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי וִוי אַ דָאקְטֶער"; עֶר הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת, דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף תַּכְלִית, וֶוער בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**וָואס אִיז ווִיכְטִיגֶער, נֶעמֶען גֶעסְט אָדֶער מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן אַז מַיין טַאטֶע הָאט אַלֶעמָאל גֶעהַאט גֶעסְט בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין הַכְנָסַת אוֹרְחִים און אִיךְ פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיךְ נָאכְצוּמַאכְן בְּעֶזְר ה', אִיךְ וֵייס אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעסְט דֶעמָאלְט זִיץ אִיךְ נָאר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הֶער זֵיי אוֹיס און אִיךְ זִינְג מִיט זֵיי און אִיךְ פַארְבְּרֶענְג נָאר מִיט זֵיי, ווִידֶער וֶוען עֶס אִיז דָא גֶעסְט וֶוערְט דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְקִירֶעוֶועט צוּ דִי גֶעסְט, און דִי קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוֹיס שְׁפִּילְן.

ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ - דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אָדֶער זִיךְ מֶער אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכז.): "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה"; דִי מִצְוָה פוּן נֶעמֶען גֶעסְט אִיז גְרֶעסֶער פוּן קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה; וַוייל מִיט דֶעם אִיז מֶען גוֹרֵם אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה. וֶוען מֶען נֶעמְט אַ גַאסְט און מֶען רֶעדְט מִיט אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת וֶועט נָאךְ אַ אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.
~~~~~~~~~~~

הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים; פַּארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים", דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַרַיין גֶעסְט אוּן גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, גֵייט אַרַיין אִין זֵיי אַ וַוארֶעמְקֵייט צוּ טוּן מִצְוֹת אוּן צוּ עוֹסֵק זַיין אִין גְּמִילַת חֲסָדִים, אַזוֹי אַרוּם, וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

עֶס דַארְף נִישְׁט גֵיין אוֹיף זֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן; נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער (דִי קְלֶענֶערֶע) נֶעבְּן דִיר אוּן דִי גֶעסְט זָאלְסְטוּ זֶעצְן נָאךְ דִי קִינְדֶער. גֵיי אִיבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער דִי סֶדְרָה וְכוּ', דֶערְצֵייל זֵיי אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וְכוּ' אוּן זִינְג מִיט זֵיי זְמִירוֹת. דָאס אַז קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוֹיס שְׁפִּילְן הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי זַאךְ פוּן גֶעסְט, דָאס אִיז דִי נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; זֵיי עֶסְן אָפּ אוּן לוֹיפְן שְׁפִּילְן, דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ וִויסְן וֶוען זֵיי צוּרִיק צוּ רוּפְן אוּן וִויפִיל זֵיי זָאלְן זִיצְן בַּיים טִישׁ, יֶעדֶער פוּן דִי קִינְדֶער לוֹיט זֵייעֶר עֶלְטֶער.

זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## אֵיינֶער וָואס הָאט מְטַמֵא גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב זֵייעֶר שְׁטַארְק הֲנָאָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס שִׁיעוּרִים. לוֹיט וִוי אִיךְ הֶער אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ לֵיין אִין דִי בְּרִיוְון, זֶע אִיךְ אַז אֵיינֶער וָואס אִיז מְטַמֵא אַנְדֶערֶע אִיז גָאר אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיב אִיז דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אַ טַאטֶע פוּל מִיט רַחְמָנוּת; עֶר ווִיל אוּן וַוארְט אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן. אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכוּר וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז סְקִילָה (סַנְהֶדְרִין נד), מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּשׁוּבָה.

דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וִידּוּי דְּבָרִים - זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן גְלֵייבְּן בְּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס לָאזְט נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירוֹת, דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט עֶר אָן דִי תְּשׁוּבָה.

אַז דוּ ווִילְסְט מְתַקֵּן זַיין וָואס דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ׳ אוּן פוּל מִיט בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ׳; וַוייל דֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכוּר רַחְמָנָא לִצְלָן רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, דַארְף עֶר פַאסְטְן - כְּמִנְיַן ׳רֶגֶל׳ תַּעֲנִיתִים - צְוֵויי הוּנְדֶערְט דְרֵיי אוּן דְרַייסִיג טֶעג, דָאס אִיז נָאר אוֹיף אֵיין מָאל זִינְדִיגְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט צֶען מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, טוֹיזְנְט מָאל, דַארְף מֶען דָאס דָאפְּלֶען כְּמִנְיַן דִי צָאל עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה דַארְף מֶען פַאסְטְן - פ״ד תַּעֲנִיתִים - פִיר אוּן אַכְצִיג טֶעג, ווִי אִיז דָא אַזוֹיפִיל טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען פַאסְטְן?! אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּן (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): ״תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, וֶוער עֶס ווִיל פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט אַלְץ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט עֶר נִישְׁט דַארְפְן פַאסְטְן אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן דַיין תְּשׁוּבָה זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת, און קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואַלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹיִשְׁט דָאס לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ ב"ה אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און נָאךְ שִׁיעוּרִים, און אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאנוּצְן נָאר מִיט אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן.

מַיין פְרַאגֶע אִיז אַזוֹי, אִיךְ בִּין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פְרוּם וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֶעכְצְן יָאר אַלְט, אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין קַאלֶעדְזְשׁ און דָארְט בִּין אִיךְ מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ אַ גֶעווִיסֶע חֲסִידוּת. אִיךְ הָאבּ ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן מַיין טַייעֶרֶע אֵשֶׁת חַיִל פוּן יֶענֶע חֲסִידוּת, און מִיר הָאבְּן ב"ה אַ גוּט לֶעבְּן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פְרוּם הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט פַאר זִיךְ צְוֵויי צִילְן, אֵיינְס צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים צוּ דִינֶען, און צְוֵוייטְנְס זִיךְ אוּמצוּקֶערְן צוּ מַיין שׁוֹרֶשׁ, צוּ מַיינֶע אוּר עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין דֶער אַלְטֶער הֵיים. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז מַיין מִשְׁפָּחָה שְׁטַאמְט פוּן דִי גֶעגְנְט פוּן אוּמַאן און טוּלְטְשִׁין, און זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען חֲסִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און פוּן רֶבִּי נָתָן, און דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת, אִיךְ וִויל זִיךְ פַארְבִּינְדְען צוּם רֶבִּי'ן און גֵיין אִין זַיינֶע דְרָכִים, אָבֶּער ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אִיז דָאס זַייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין ווַייבּ אָנְצוּנֶעמֶען, וָואס זִי קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע חֲסִידוּת. בִּין אִיךְ גֶערֶעכְט אַז אִיךְ וִויל אִיבֶּערְלָאזְן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲסִידוּת און גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב? און אוֹיב יָא, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן מַיין ווַייבּ אַז דָאס זָאל אִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר מַשְׁפִּיעַ, צוּ וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר הִילְף.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז דִיר און ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דַיין אַלְטֶע וֶועג און דוּ הָאסְט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בְּרָכוֹת לד.)**: "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים - שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמֹד", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז זַייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל** (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא)**: "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת**
~~~~~~~~~~~

תְּשׁוּבָה, מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת וְכוּ', וַוייל בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט קַיין שׁוּם חֲסִידוּת אָדֶער אָפְּשְׁטַאם; בְּסַךְ הַכֹּל וִויל דֶער רֶבִּי אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי וִויל אֵיין זַאךְ פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ וְכוּ' אוּן אַז וִויפִיל מָאל מֶען וִויל זַיין גוּט וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּיְ'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּיְ'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דָאס עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, יֶעדְן טָאג רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אוֹיב מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם אִין ״גַן עֵדֶן״, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידוּת, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דָאס וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין אוּן נִישְׁט לָאזְן פַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וְחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן מֶער שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אֵיין שִׁיעוּר, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער טָאג גֵייט מִיר גָאר אַנְדֶערְשׁ נָאכְ'ן הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר.

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן הֶערְן אַלֶע שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים צוּם צְוֵוייטְן מָאל, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן מַאכְן שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן מֶער אָפְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען וִוי דִי שִׁיעוּרִים הֶעלְפְן מִיר אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן גֶעבְּן אַייךְ כֹּחַ אוּן לֶעבְּן אָנְצוּגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט וָואס לִיגְט אוֹיף אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.
~~~~~~~~~~~

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וְוי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַליין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל", אִיז אִים אַלֶעס פַיין אוּן אַלֶעס גוּט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה נֶעמְט עֶר אַלֶעס אָן גְרִינְג, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת נֶעמְט עֶר דָאס אָן לַייכְט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי גַאנְצֶע זַאךְ. אוּן אַז דִי אֱמוּנָה אִיז שְׁטַארְק הֵייבְּט מֶען אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אַנְשְׁטָאט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַזַא עֵצָה אָדֶער אַזַא עֵצָה טְרַאכְט מֶען פוּן תְּפִילָה, מֶען וֶוענְדְט זִיךְ נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי תְּפִילוֹת פוּן פְּרוֹיעֶן, מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען".

זַייטְס מִתְפַּלֵל פַאר מִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, מִיט דִי שִׁיעוּרֵי הִתְחַזְקוּת, וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיבּ וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן מַיינֶע טִיפֶע גֶעפִילְן און שְׁבָחִים אוֹיף דִי גֶעוָואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, פוּל מִיט חָכְמָה, מִדּוֹת טוֹבוֹת און יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועל אִיךְ אָנְפִילְן גַאנְצֶע בְּלֶעטֶער און נָאכְאַלְץ נִישְׁט עֶנְדִיגְן, וֶועל אִיךְ צוּגֵיין גְלַייךְ צוּ מַיין פְרַאגֶע.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל און אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין פַאר יוּנְגֶע קִינְדֶער, און וֶוען אִיךְ הָאבּ אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט הֶער אִיךְ אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים, און דָאס גֶעבְּט מִיר דִי חִיזּוּק און דִי עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, דִי עֶלְטֶערְן און דִי הַנְהָלָה זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מַיין אַרְבֶּעט און צוּגַאנְג צוּ דִי קִינְדֶער, און זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס קוּמְט נָאר פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קְלַאס אֵיידֶער אִיךְ הֶער אַבִּיסְל אוֹיף חִינוּךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ מָאל אוֹיךְ דִי גְמָרָא שִׁיעוּרִים, און אִיךְ מִישׁ אוֹיף צוּם סוֹף צוּ הֶערְן וֶועגְן חִינוּךְ, הָאבּ אִיךְ אֵיין טָאג גֶעהֶערְט אִינְמִיטְן מִישְׁן אַ גְמָרָא שִׁיעוּר אַז בַּיינַאכְט זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן צְדָקָה ווייל דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן דִי שֵׁדִים. אִיךְ הָאבּ אַ מִנְהָג, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַלְס קִינְד צֶעטֵיילְט דִי מַטְבֵּעוֹת אוֹיף אַסַאךְ פְּרוּטוֹת צוּ גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה, - צוּ לֵייגְן יֶעדְן טָאג אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע, אֵיינְמָאל אִינְדֶערְפְרִי מִיט אַ תְּפִלָּה אוֹיפְן טָאג מַצְלִיחַ צוּ זַיין, און סוֹף טָאג פַארְ'ן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לֵייג אִיךְ נָאךְ אַ פְּרוּטָה, און אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְ'ן טָאג. זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט?

אַגַב פִיר אִיךְ זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע נַאכְט פַארְ'ן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, און אִיךְ זֶע קְלָאר וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ מַיינֶע תְּפִלּוֹת און הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ אָבֶּער אַז אֶפְשָׁר אִיז בַּיינַאכְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פַאר דֶעם? אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע צַייט וֶוען דָאס צוּ טוּן מִיט אַ רוּאִיגְקַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פֵּאָה ח, ח) אַז רֶבִּי חֲנִינָא בַּר פַּפָּא פְלֶעגְט טֵיילְן צְדָקָה בַּיינַאכְט, אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער שַׂר פוּן דִי שֵׁדִים גֶעטְרָאפְן און אִים גֶעפְרֶעגְט: "עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים יט, יד): 'לֹא תַסִּיג גְּבוּל רֵעֲךָ', בַּיינַאכְט אִיז אַ צַייט וָואס בַּאלַאנְגְט פַאר דִי שֵׁדִים, נַאכְט אִיז נִישְׁט אַ צַייט פַאר**

מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס קוּמְסְטוּ אַרַיין אִין מַיין פְּלַאץ?" הָאט אִים רֶבִּי חֲנִינָא גֶענְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כא, יא): 'מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף', אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק שְׁלֶעכְטְס", וֶוען דֶער שֵׁ-ד הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן אַנְטְלָאפְן. פוּן דָא אִיז דֶער מְקוֹר אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט צְדָקָה בַּיינַאכְט, מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעט מֶען בְּפֵירוּשׁ אִינֶעם פָּסוּק, "מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף", אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה שְׁטִילֶערְהֵייט נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס ווִילְן שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם צַדִּיקִים, אַז אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט, זָאגְן צַדִּיקִים אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע עוֹנְשִׁים ווִי אֵיידֶער צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַן אָרִימַאן וֶוען עֶר בֶּעט צְדָקָה, מִיטְ'ן אִים זָאגְן: "בַּיינַאכְט גֶעבְּט מֶען נִישְׁט צְדָקָה"; מִיר דַארְפְן מְקַיֵּים זַיין וָואס רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן שֵׁ-ד (מִשְׁלֵי כא, יא): "מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף", אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק שְׁלֶעכְטְס אוּן אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס ווִילְן שְׁלֶעכְט טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְן אוֹיס, בָּטֵל וּמְבוּטָל.

זַייטְס מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת דִּין, סִימָן מג): "מִי שֶׁמְּקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ בַּלַּיְלָה לְמִדַּת אֱמוּנָה, נִמְתָּק מֵעָלָיו הַדִּין", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ בַּיינַאכְט דִי אֱמוּנָה, נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים; זַייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בַּיינַאכְט, שְׁמוּעֶסְטְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְטְס אִים אַלֶעס פוּן אַייעֶר טָאג וֶועט אִיר אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## ווִי שְׁטַארְק דַארְף מֶען זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מִיט מַיין מַאן קוּמֶען בֵּיידֶע פוּן זֵייעֶר פְרוּמֶע שְׁטִיבֶּער, מַיין מַאן לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל בָּרוּךְ ה', אָבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פַארְלַאנְגְט עֶר פוּן מִיר צוּ גֵיין אָנְגֶעטוֹן אִינְדֶערְהֵיים נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, עֶר זָאגְט אַז אִינְדֶערְהֵיים מֶעג מֶען.

אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי מַיין מַאמֶע אוּן טַאטֶע, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן אוֹיךְ שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ גֵיין אַזוֹי אֲפִילוּ אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיבּ וֶועט אֵיינֶע פוּן דִי שְׁכֵנִים בַּאמֶערְקְן, אוּן בִּכְלַל
~~~~~~~~~~~

פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס עֶר פַארְלַאנְגְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אִים?

בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס, וָואס זָאל אִיךְ אִים זָאגְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, דִי פְּרִיצוּת אוֹיפְ׳ן גַאס אִיז אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ אוּן דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס; מֶען קֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג דוּרְכְפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ פְרוֹי זַיין קְלוּג אוּן זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַארְ׳ן מַאן, זִי דַארְף זֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִיר מַאן אִים אָפְּצוּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, וַוייל וֶוען דֶער מַאן זֶעט וִוי זַיין וַוייבּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ׳ וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ הַאלְטְן שֵׁיין, רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען צוּ נוֹשֵׂא חֵן זַיין פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שְׂכַר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מֶער שְׂכַר פַאר דִי פְרוֹיעֶן וִוי פַאר דִי מֶענֶער, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן וַוארְטְן אָפּ דִי מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים אוּן רַאטֶעוֶוען זֵיי פוּן עֲבֵירוֹת.

אַז אִיר וֶועט אָפְּוַוארְטְן אַייעֶר מַאן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן כּוֹלֵל מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ׳ן פָּנִים, אִיר וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, וֶועט עֶר זַיין צוּפְרִידְן; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ׳ וֶועט עֶר מֶער גָארְנִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן אַייךְ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז גְרֵייט פַארְ׳ן מַאן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין ק:) אַז אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִיר מַאן וְכוּ׳ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער צַדִּיקִים, וָואס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי וֶועט הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל וֶוען אִיר מַאן וֶועט שְׁפִּירְן אַז זִי אִיז גְרֵייט פַאר אִים וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין גְרֵייט שְׁטֶענְדִיג פַאר אִיר, צוּ טוּן אִיר ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~~

## אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן מֵיידְלֶעךְ, וְוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פוּפְצֶן יֶערִיגֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג פוּן מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ בִּין מְקַנֵא מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אַז זֵיי זֶענֶען מֵיידְלֶעךְ וַוייל אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אַלֶעמָאל קוּקְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ זִיץ אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער מַיין קָאפּ אִיז נָאר בַּיי מֵיידְלֶעךְ, פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט טְרַאכְט אִיךְ נָאר פוּן מֵיידְלֶעךְ.

אִיךְ וְויל זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ פַייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט אֵיין קְלֶער אַז אֶפְשָׁר וֶועט מִיר גֶעלוּנְגֶען צוּ רֶעדְן מִיט אַ מֵיידְל.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשְׁטֵייט אַ בָּחוּר, דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ דֶעם בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט הָאבְּן פַאר מִיר אַן עֵצָה, וַוייל אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ פַארְבְּרֶענְט.

יְיִשַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ; דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דֶערְצֵיילְן וואוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז וִויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, פָאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, וֵויין צוּ אִים: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר! אִיךְ וְויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וְויל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה אוּן רֵיינֶע אוֹיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דִי תַּאֲווֹת נָאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ וְויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן
~~~~~~~~~~~~

עֶרְלִיכֶער איד, אָבֶּער איך הַאלְט אין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת איז נָאר נִאוּף, און איך פַאל אַרָאפּ אין די עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְּלָן, איך בִּין אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, דָאס לֶעבְּן איז מִיר נִמְאָס.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ; הֶעלְף מִיר איך זָאל גְלֵייבְּן אין דִיר, איך זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, טָאג און נַאכְט טְרַאכְט איך נָאר פוּן עֲבֵירוֹת, איך הַאלְט נִישְׁט אוֹיס די צַעַר! פוּן אֵיין זַייט ווייל איך אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ און פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט קָאכְט אין מִיר אַ פֵייעֶר, איך שְׁפִּיר ווי איך קֶען נִישְׁט מֶער", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן און גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער אין וָואס דוּ לִיגְסְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן מְנוּחָה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל בָּטֵל וֶוערְן די גְזֵירָה אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ בִּיז זֵיי וֶוערְן פַארְעֶלְטֶערְט. קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט די צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אַזוֹי ווי מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קֵיינֶער אוֹיף די וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט די צַעַר פוּן אַ בָּחוּר"; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵוײנְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ - זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן ווי יוּנְגֶער. אַזוֹי קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען אַלֶע בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ פוּן אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, וַוייל ווִילַאנְג מֶען איז אַ פְּלַג גוּף קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

נֶעם די עֵצָה וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט פַאר אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים וָואס פְרֶעגְן און בֶּעטְן אַן עֵצָה ווי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען אָפְּקִילְן זֵייעֶר פֵייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וַוייל מִשְׁנָיוֹת רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. פָאלְג וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת און הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן; אין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אין די עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען איז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען איז פּוֹגֵם בִּיְסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיז'ן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן די וֶוערְטֶער פוּן די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם איז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת און מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן די קְלִפּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אַזוֹי קֶענֶען דַאוֶוענֶען אַשְׁכְּנַזִים און סְפַרְדִים צוּזַאמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר די גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ מִיט מַיין ווייב זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה דֶערמִיט.

אִיךְ וואוין אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל וואו עֶס אִיז דָא אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטִיבְּל, און דָארְט דַאוֶוענֶען סֵיי אַשְׁכְּנַזִים און סֵיי סְפַרְדִים. מִיר ווילְן מַאכְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען אוּם יוֹם כִּיפּוּר, מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז בַּיי מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְן אוֹיךְ דַאוֶוענֶען אַשְׁכְּנַזִים און סְפַרְדִים צוּזַאמֶען, מִיר ווילְן אָבֶער ווִיסְן פּוּנְקְטְלִיךְ ווי אַזוֹי מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם נוּסַח, אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען טוּן.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג ווֵיינֶען אוֹיף מַחְלוֹקֶת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז אַז עֶס אִיז דָא פֵּירוּדִים צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, די אַשְׁכְּנַזִים ווילְן נִישְׁט די סְפַרְדִים, און צְווִישְׁן זִיךְ אִיז מֶען אוֹיךְ צֶערִיסְן און צֶעשְׁלָאגְן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי די סְפַרְדִים, צְווִישְׁן זִיךְ הָאט מֶען זִיךְ פַיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן". מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹיף אֵיין שִׁיף, די אוּמוֹת הָעוֹלָם מַאכְן לֶעכֶער אִינֶעם שִׁיף און ווילְן אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם דֶערְטְרֶענְקֶען, דַארְפְן מִיר זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן".

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט בַּאווִיזְן אִין יַבְנְאֵל אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אֲפִילוּ מֶען שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּנֶעם זֶעלְבְּן אָפְּשְׁטַאם, אוֹיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ הָאט מוֹהֲרַ"שׁ גֶעמַאכְט אַז סֵיי אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע אִידְן און סֵיי סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן פוּן אַלֶע עֵדוּת'ן זָאלְן קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּנְטֶער אֵיין דַאךְ. מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּעַל תְּפִילָה און מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זִינְגֶען די סְפַרְדִ'ישֶׁע פִּיּוּטִים; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַחֲזֶה הוֹד צוּ זֶען ווי אַלֶע שְׁבָטִים זִיצְן צוּזַאמֶען, די סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן זִיצְן און הֶערְן ווי מִיר זָאגְן אוּנְזֶערֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים
~~~~~~~~~~~

דַאוֶועֶנֶען - 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף', 'לָקֵל עוֹרֵךְ דִּין', 'וְכֹל מַאֲמִינִים', וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי אוּנְז, אוּן מִיר פְלֶעגְן אוֹיסְהֶערְן ווִי דִי סְפַרְד'ישֶׁע אִידְן זִינְגֶען זֵייעֶרֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, ווִי לְמָשָׁל: 'עֵת שַׁעֲרֵי רָצוֹן', 'בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר', וָואס דָאס אִיז בַּיי זֵיי אַזוֹי ווִי בַּיי אוּנְז 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס עֶר וֶועט אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן גָלוּת, דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוּן פֵּירוּדִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דִי וָואלְף מִיטְ'ן לֶעמֶעלֶע, דִי לֶעמְפֶּערְט מִיטְ'ן צִיגֶעלֶע וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּה מִיטְ'ן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁען, דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיטְ דִי בְּהֵמוֹת, "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלֶענְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְ'ן צְוֵוייטְן, ווַייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן ווִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָארְגְט פַאר אוּנְז; מִיר דַארְפְן נִישְׁט דַאֲגָה'נֶען, אוּן זָארְגְן הֶעלְפְט נִישְׁט.

נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, חַזֵר זִיךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ גֶע'חַזֶר'ט אוּן גֶעמַאכְט דֶערוֹיף אַ נִיגוּן: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", אִין אִידִישׁ מֵיינְט דָאס: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, עֶס נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם עֶקְזִיסְטֶענְץ אָן אִים, אוּן אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז עֶר בַּאהַאלְטְן".

גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן הֵייבְּט אָן זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אַ גוּטֶער חָבֵר, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, בַּיי אִים וֶוערְט מְקוּיָם דָאס וָואס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים

וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "אֲטַיֵּיל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאֶחָד מִכֶּם וְלֹא תִּהְיוּ מִזְדַּעְזְעִים מִמֶּנִּי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִיז דוּרְךְ אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זִי הָאט מֶער נִישְׁט דִי פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק, אוּן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז זִי וַוארְט וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל הָאבְּן בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין יוּגְנְט, צִי דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס); דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט (קַאנְפִידֶענְס) אִיז דוּרְךְ אֱמוּנָה. ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרֵיין אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ, אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּרֶענְגְט זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אוּן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ. נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וָואס מֶען קֶען דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן פוּן אַלֶע קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט אוּן שְׁטַארְק. זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים זַאכְן וָואס קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט, דֶערְצֵייל אִים אַז דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער וְכוּ' הָאט גוֹרֵם גֶעוֶועזְן אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין זִיכֶערְקֵייט וְכוּ' אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיט פְּחָדִים וְכוּ'; אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי עֵצָה וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אָן קַיין בִּלְבּוּלִים.
~~~~~~~~~~~

שְׁטַארְק זִיךְ אִין מְלַמְּדוּת; וֶוען אַ מְלַמֵּד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד, עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן קִינְדֶער פוּן רַייכֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער אָרִימֶע, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גֶעבְּט עֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען - אִיז דֶער מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל אוּן זַיינֶע תְּפִילּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צוּזַאמֶגֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם", הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעגֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדַּקֵּי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט. נָאךְ אַ מִנְהָג הָאב אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד; אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער, אִיךְ הָאב אִין שְׁטוּב אַ פִישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ בִּין אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיב עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים ווַייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ אוּן דוּרְכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיב אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער, גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער, הָאט מֶען אַ כֹּחַ אִין הִימְל אוּן מֶען נֶעמְט אָן זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן דַיין ווַייבּ, אִיךְ ווַארְט צוּ הֶערְן בְּקָרוֹב גוּטֶע נַייעֶס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִין עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען צוּם סִיּוּם מַסֶּכֶת כְּרִיתוּת צוּ עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל, ווַייל עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא פְּלַאץ וואוּ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט לֶערְנְט אוּן אִיז מְסַיֵּים נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, אִיךְ בִּין פָּשׁוּט גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אִיךְ וֶועל נָאךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.
~~~~~~~~~~~

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִין עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ; דַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין וְוִי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער לְתוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם וּמִידוֹת טוֹבוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צְווִישְׁן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אִיד וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַז אִין אוּמַאן וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן בַּיים דַאוֶונֶען; דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין נֶעבְן דֶעם בַּעַל תְּפִילָה מִיט דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי נִיגוּנִים אוּן נוּסָח, עֶס זָאל זַיין בַּא'טַעמְ'ט אוּן גֶעשְׁמַאק, אַזוֹי וְוִי מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. גְרֵייט אָן אַ פְּרָאגְרַאם מִיט דִי מְלַמְדִים וְוִי אַזוֹי אָנְצוּרֵייצְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען דֶעם גַאנְצְן דַאוֶונֶען אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן בַּיים דַאוֶונֶען; גְרֵייט אָן מַתָּנוֹת, טִיקֶעטְס וְכוּ'.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ תְּחִיֶ' אַז אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מִשְׁפָּחַת ... זֵיי זָאלְן נִישְׁט שִׁיקְן זֵייעֶר טָאכְטֶער ווִילַאנְג זִי אִיז אָנְגֶעגְרֵייט צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא. אִיךְ הָאבּ זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה; סֵיי אַלְץ דִי טִיטְשֶׁערְס, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְחוּיָב יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג צוּ אַזַא פַּאסִירוּנְג, חוּץ מִזֶּה אִיז דָאס נִישְׁט גוּט פַאר'ן קִינְד אַלֵיינְס, זִי וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן דֶעם אוּן עֶס קֶען אִיר שָׁאטְן פַאר אַלֶע אִירֶע יָארְן, זִי וֶועט בַּאקוּמֶען אַ נָאמֶען צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער אַז זִי הָאט אַ גֶערוּךְ וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**בַּיי אַ מֵיידְל אִיז נִישְׁטָא קַיין מִשְׁנַיוֹת, בַּיי אַ מֵיידְל אִיז דָא צְנִיעוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הֶעלְפְּסְט אִין שְׁטוּבּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׂכָר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ
~~~~~~~~~~~

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא, וְאֵלּוּ הֵן: כִּבּוּד אָב וָאֵם"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם שְׂכַר סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוֹיף דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט וָואס מֶען זָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר, אִיז דַיין פְּרַאגֶע וָואס קֶען אַ מֵיידְל טוּן אַז דִי וֶוערִים אוּן מַייז זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִיר אִין קֶבֶר; בַּיי אַ מֵיידְל אִיז נִישְׁט דָא קַיין מִשְׁנַיוֹת, בַּיי אַ מֵיידְל אִיז דָא צְנִיעוּת; אוֹיב מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג זִיךְ צוּ פִירְן בִּצְנִיעוּת, מֶען טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל, מֶען רֶעדְט אֵיידְל אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל - דָאס הִיט אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אִין קֶבֶר.

וִוידֶערְאוּם אוֹיב מֶען טוּט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָן אוֹיף אַ וֶועג צוּ צוּעֶן אוֹיגְן פוּן פְרֶעמְדֶע מֶענֶער אוּן בָּחוּרִים בַּאקוּמְט מֶען אִין קֶבֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (מַעֲשִׂיּוֹת בְּסוֹף סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ טָאפּ מִיט שְׁטִיקֶער פְלֵייש אוּן בֵּיינֶער, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז פוּן אַ מֵיידְל וָואס פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג, זִי פְלֶעגְט אָנְרֵייצְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ קוּקְן אוֹיף אִיר, דָאס אִיז אִיר שְׁטְרָאף, אַז זִי וֶוערְט יֶעדְן טָאג אוֹיפְגֶעקָאכְט אִין בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער".

זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְּסְט זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן אוּן וָואס זֵיי דַארְפְן בֶּעטְן זֵיי נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִּי זֶעכְצֶנְסְטֶע מָאל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶועֶן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִּי זֶעכְצֶנְסְטֶע מָאל, דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דֶעם סִיּוּם אִין יַבְנְאֵל בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן דִיר צוּרִיק צוּ שְׁרַייבְּן, וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי טֶעג, אָבֶער יֶעדֶע מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר לֵיין אִיךְ יֶעדֶעס וָוארְט אוּן אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דֶערְצוּ.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט לֶערְנֶען דִּי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; גֶעבּ אַ קוּק וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה (אות יג): ״וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת ״סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד״ שֶׁל רַבֵּינוּ זַ״ל״, וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס ״סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד״; ״וְעַל כֵּן מַה וְּלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם״, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנֶה׳ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוּינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, ״כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי״, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, ״אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְוֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ״, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וַוייסְט אַז דֶער עִיקַּר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ וַוארֶעמֶע גְרִיס פַאר הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן סְקוּל; יֶעדֶע מָאל אִיךְ בַּאקוּם גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא הָאבּ אִיךְ אַזוֹיפִיל הֲנָאָה אוּן נַחַת, וַוייל בַּיי מִיר אִיז דִי עִיקָר דִי מוֹסָד, דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִּים, זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג) אַז תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוער ווִיל נִישְׁט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער ווִיל נִישְׁט אַ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? יֶעדֶער ווִיל זַיין גוּט אוּן יֶעדֶער ווִיל זַיין וואוֹיל, מֶען וֵוייסְט נָאר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען גוּט? ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פֵיין? קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט אוּנְז אַז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען וֶוערְט גוּט אוּן וואוֹיל אִיז דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין גוּטֶע וֶועג, צוּ זָאגְן אוּן עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג; דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין מִיט אַייךְ, עֶס וֶועט זַיין אַ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין סְקוּל אוּן אַלֶע וֶועלְן הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. וַוייל וואוּ עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה דָארְט אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, מֶען שְׁפִּירְט אִין דִי לוּפְט דִי קְדוּשָּׁה. בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט פָּארְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט צוּם רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען סְפָרִים קַיין אוּמַאן, פַאר דִי מֶפִיצִים, זָאלְסְטוּ רוּפְן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הֶעלְפְט מִיר צֶעטֵיילְן דִי סְפָרִים וָואס מֶען טְרָאגְט קַיין אוּמַאן. מָארְגְן נָאכְן שִׁיעוּר אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי סְלִיחוֹת וֶועסְטוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי סְפָרִים פוּן אִים אוּן עֶס בְּרֶענְגֶען קַיין אוּמַאן.

מָארְגְן הֵייבְּט מֶען אָן אַ נַייעֶ מַסֶכְתָּא, "מַסֶכֶת מְעִילָה"; בֶּעט אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל, אֶפְשָׁר יֶעצְט אִיז אַ צַייט דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, סְתָּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

מִיר פָארְן אִם יִרְצֶה ה' אִין אַ וָואךְ אַרוּם צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן דַארְפְן מִיר פָּארְן מִיט עֶפֶּעס; הֵייבּ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִיר אַ חַיוּת, אוּן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט זִיךְ עֶנְדֶערְן לְטוֹבָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן בוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן הַמְפוֹאָר אִין אוּמַאן; מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי אַ מִילְיָאן אוּן אַ הַאלְבּ דָאלֶער, עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן דָאס גֶעבּוֹיט אָן קַיין עֲשִׁירִים אוּן אָן קַיין גְבִירִים, נָאר מִיט דִי רְצוֹנוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּרְכ'ן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַיין טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ ווִילְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּינְ'ס הֵיכָל וואוּ מֶען לֶערְנְט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם,
~~~~~~~~~~~

אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אִינְדְרוֹיסְן מִיט אַנְדֶערֶע; אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זַיין גוּט, זוּךְ אוֹיף בַּיי דִיר גוּטֶע זַאכְן אוּן אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע זָאלְסְטוּ זוּכְן גוּטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב) אַז מֶען דַארְף זוּכְן בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע צוּ טְרֶעפְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת; וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין גוּט צוּ אַלֶעמֶען, סַיי צוּ זִיךְ אַלֵיינְס - מֶען קוּקְט אוֹיף זִיךְ גוּט, אוּן סַיי אוֹיף אַנְדֶערֶע דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז (תְּהִלִים קמה, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן אוּן מֶען זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶעמֶען, מֶען דַארְף בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען נָאר גוּטְס אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ זָאל זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אִיךְ זָאל טְרֶעפְן גוּטְס אִין מִיר אַלֵיינְס אוּן אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַ פַארְגִינֶער אוּן אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען סוֹבֵל זַיין אוּן קֶענֶען לַיידְן אַלֶעמֶען".**

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים כט, יז): "פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה", אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שׁוֹפָ"ר; לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שׁוֹרֶשׁ פּוֹרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר, מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דָאס הֵייסְט אַז וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִין אִים וְכוּ', עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר אִין דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**אַ מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט אַז עֶס קוּמְט יֶעצְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וֶוען אַלֶע פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, וָואס אִיר זָאלְט טוּן אַז אִיר הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "אַ מַאמֶע מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער קוּמְט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ". וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער וֶוען אִיר וֶועט חֲתוּנָה מַאכְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר גֵיין אִין שׁוּל וְכוּ', אָבֶער יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זַיין מִיט זֵיי אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיר זָאלְט דַאוֶונֶען אִין שְׁטוּבּ.

מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן; אֵיינֶער הָאט דִי מַעֲלָה אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ צְוֵוייטֶע מַעֲלָה, אַז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער הָאט כֹּחַ צוּ גֵיין אִין שׁוּל אוּן זִי גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיר דַארְפְט טוּן וָואס זִי טוּט; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע נַאטוּרְן אוּן זַיינֶע גֶעלוּנְגֶענְקֵייטְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן פוּן דָארְט דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז פַארְיָאר זֶענְט אִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַאוֶונֶען אִין שׁוּל אוּן אִיר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַייעֶרֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹי הוֹיךְ וִוי עֶס גֵייט אַרוֹיף אִין שׁוּל; עֶס אִיז זִיכֶער אַזוֹי אַז אִין שׁוּל אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו.): "אֵין תְּפִלָּה שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא בְּבֵית הַכְּנֶסֶת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס שְׁנֶעלֶער דִי תְּפִילּוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אֲפִילוּ פוּן פְרוֹיעֶן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי עֵקֶב, רֶמֶז תתעא): "מַעֲשֶׂה בְּאִשָּׁה אַחַת שֶׁהִזְקִינָה מְאֹד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ אַלְטֶע פְרוֹי וָואס הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶעבְּן, זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין טַעַם אִין עֶסְן אוּן אִין טְרִינְקֶען אוּן זִי הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אִיז זִי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי יוֹסִי בֶּן חֲלַפְתָּא אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "רַבִּי, זָקַנְתִּי יוֹתֵר מִדַּאי", אִיךְ בִּין שׁוֹין זֵייעֶר אַלְט אוּן מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר פַאר'מִיאוּס'ט, אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה נִפְטָר צוּ וֶוערְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא אִיר גֶעפְרֶעגְט: "בְּאֵיזוֹ מִצְוָה אַתְּ רְגִילָה לְהַקְפִּיד בְּכָל יוֹם?" וָואס פַאר אַ מִצְוָה בִּיסְטוּ מַקְפִּיד צוּ מְקַיֵּים זַיין יֶעדְן טָאג, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען", הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "הַאלְט זִיךְ צוּרִיק דְרֵיי טֶעג פוּן גֵיין אִין

שׁוּל", זי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן אוּן נָאךְ דְרֵיי טֶעג אִיז זִי נִפְטָר גֶעוָוארְן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן; אָבֶּער אוֹיב מֶען אִיז אַ מַאמֶע פַאר קִינְדֶער אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זַיין אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער.

גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל? אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין עוֹשִׂין, וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע חַס וְשָׁלוֹם", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, "וִוי מֶען טוּט טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין לֶערֶערִין גֶעבְּט מִיר אִיבֶּער כְּסֵדֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִיר, וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף, אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵיידְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וַוייל אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידוֹת וָואס פִירְן זִיךְ וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אוּן בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגִן וָואלְטְן גֶעוִויסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען צוּ מִיר".

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם דְרִיטְן מָאל תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט צוּם שִׁיעוּר זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. ״אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין״ - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַן אַלְטֶער חָסִיד, אַן אַלְטֶער צַדִיק, אַלְט אִיז נִישְׁט גוּט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא)״; מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי ווִי דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל.

וָואס אַ טָאג נֶענְטֶער עֶס וֶוערְט צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוער אִיךְ מֶער פְרֵיילִיךְ אַז מִיר פָארְן שׁוֹין צוּם רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵן יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאל זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ קוּמְט עֶר צוּם צִיוּן הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אִים אַ נַייעֶ גֶעשִׁיכְטֶע; דֶער רֶבִּי פָּארֶעט זִיךְ מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אִים מְתַקֵן.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְן נָאמֶען מֹשֶׁה וֶועלְוְול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע - אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט שְׁמוּץ, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: ״מֹשֶׁה וֶועלְוְול דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?״ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אָבֶּער גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן טְשֶׁעהְרִינֶער רָב: ״׳וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים ׳וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא?׳ עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן״. שְׁפֶּעטֶער הָאט אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אֵיינְמָאל בַּיי דֶעם אִיד מֹשֶׁה וֶועלְוְול אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי עֶר דַאוְונְט אַ פָּשׁוּט׳עֶ מִנְחָה מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת, הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי טוּישְׁט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת אִין יְשִׁיבָה אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם וֶועט מֶען אוֹיסְטֵיילְן דִי פֶּעקְלֶעךְ סְפָרִים צוּ בְּרֶענְגֶען קַיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## זִיךְ נִישְׁט צְווִינְגֶען צוּ שְׁלָאפְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלא): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִישֹׁן וְאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן", וֶוער עֶס ווִיל שְׁלָאפְן אוּן קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, "הָעֵצָה לָזֶה לְבַל לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ כָּל כַּךְ לִישֹׁן", דִי עֵצָה פַאר אִים אִיז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צְווִינְגֶען צוּ שְׁלָאפְן, "כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחַ עַצְמוֹ יוֹתֵר לִישֹׁן, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר מְנִיעוֹת הַשֵּׁנָה", וַוייל ווִי מֶער עֶר וֶועט זִיךְ נֵייטְן צוּ שְׁלָאפְן אַלְץ מֶער וֶועט עֶר נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן; אַזוֹי אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן, ווִי מֶער מֶען צְווִינְגְט זִיךְ אַלְץ עֶרְגֶער וֶוערְט וְכוּ'.

אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאלְט אִיר נֶעמֶען אִין בֶּעט דֶעם "סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אִין אִידִישׁ, אָדֶער "סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; לֵיינְטְס דִי בְּרִיוו, דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אַייךְ אַלֶע פְּחָדִים אוּן אוּמְזִיסְטִיגֶע שְׁרֶעק, עֶס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אַייךְ שִׂמְחָה אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אַז אַלֶע אַייעֶרֶע פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק זָאלְן אַוֶועק גֵיין אוּן אִיר זָאלְט מְגַדֵּל זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

איך פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר תְּהִלִּים; יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים און וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

לַאדֶענֶען אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחִיֶ׳.

איך פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז איר הָאט אַיינְגֶעלַיידְנְט מָרַת ... צוּ אַייךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; הַלְוַואי זָאלְן נָאךְ אַנְדֶערֶע זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַייךְ צוּ טוּן חֶסֶד אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, בִּפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פָארְן אַוֶועק קַיין אוּמַאן און נִישְׁט אַלֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן וואוּ צוּ גֵיין עֶסְן דִי סְעוּדוֹת, דֶערְפַאר וָואלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוען מֶען לַיידְנְט אַיין דִי פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ זַיין.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): ״הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכֶּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים״, הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער; אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי פְרוֹי שׁוּנַמִּית וָואס הָאט זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטְן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים (מְלָכִים ב ד, ט-י), דֶערְפַאר הָאט אִיר אֱלִישָׁע הַנָּבִיא צוּגֶעזָאגְט אַ קִינְד (שָׁם, שָׁם, טז), און זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד - חֲבַקּוּק הַנָּבִיא (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, דַּף מד:).

אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן זוּמֶער אַז אִיר זֶענְט מְתַרְגֵּם דֶעם קוּנְטְרֶס: ״גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער״ אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיב עֶס אִיז שׁוֹין פַארְטִיג, כְּדֵי מֶען זָאל דָאס קֶענֶען דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶע וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נָאר עֶנְגְלִישׁ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ גוּטֶע סְבִיבָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען נֶעכְטְן נַאכְט בַּיים שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, דוּ הָאסְט מִיט גֶעהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר דוּרְכ'ן לֵייוְו הוּק-אָפּ; אִיךְ הָאף אַז דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן דִיר אָנְוַוארֶעמֶען.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; פוּן מַאנְטִיסֶעלָאו בִּיז לִיבֶּערְטִי אִיז נִישְׁט וַוייט, כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער בַּיינַאכְט צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא אוּן צוּ שִׂיחוֹת חֲבֵרִים.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אַ חַבְרוּתָא אִיז; ווִי וויכְטִיג עֶס אִיז זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין אַ גוּטֶע סְבִיבָה, עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן דְרֵיי זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט פַאלְן וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**לֶערְן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; הֵייבּ אָן דֶעם טָאג מִיט מִקְרָא - לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה; אַז דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם. מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְט צוּ גוּט. וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּיסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת וָואלְט מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם מִשְׁנַיוֹת.
~~~~~~~~~~

נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס; הֵייבּ אָן שַׁ"ס כְּסִדְרָן, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען הַלָכָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "שֶׁכָּל בַּר יִשְׂרָאֵל מֻכְרָח לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם אֵיזֶה הֲלָכָה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הַלָכָה.

אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גְלַייךְ נָאךְ סוּכּוֹת צוּ עֶפֶענֶען אַ כּוֹלֵל עֶרֶב אִין שְׁטֶעטְל וואוּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען הַלָכָה; הִלְכוֹת טָהֳרָה פַּאר אַבְרֵכִים. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען הַלָכָה.

בְּנוֹגֵעַ הַכְנָסַת אוֹרְחִים וְכוּ'; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס. צוּ דִי סְעוּדוֹת קֶענְסְטוּ רוּפְן בָּחוּרִים, אָבֶּער צוּם שְׁלָאפְן אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר וְדַ"ל.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~

### אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁטֶע בְּרִיוְון אוֹיף עֶנְגְלִישׁ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁטֶע בְּרִיוְון אִין עֶנְגְלִישׁ פוּנֶעם "סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; הָרַב ר' ... נֵרוֹ יָאִיר גֶעבְּט מִיר כְּסֵדֶר גְרִיסְן ווִי מֶענְטְשְׁן בֶּעטְן נָאךְ פוּן דִי עֶנְגְלִישֶׁע "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מְתַרְגֵם זַיין ווַייטֶער נָאךְ אוּן נָאךְ בְּרִיוְון, מְזַכֶּה זַיין נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי מְקָרֵב זַיין זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִתְיַקַּר
~~~~~~~~~~

קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְט'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחְמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן לַה' וּלְתוֹרָתוֹ.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֶס אִיז בַּיי דִיר פְּרִישׁ אוּן נַיי; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין"; דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען פַאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן רֶבִּי'ן', מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן וָואס מֶען טוּט יֶעצְט אַז מֶען הָאט דֶעם רֶבִּי'ן - בְּלַייבְּט דִי הִתְקָרְבוּת שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כו, יא): "וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב", זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטְס, "אֲשֶׁ"ר נָתַ"ן", דָא אִיז מְרוּמָז מוֹהֲרָא"שׁ מִיט רֶבִּי נָתָן, "לְ'ךְ יְ' אֱ'לֹקֶיךָ וּ'לְבֵיתֶךָ", - דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס
~~~~~~~~~~~

וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ.

פוּן דַיין חַבֵר וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן בֶּענְקְט זִיךְ זֵייעֶר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי סְקוּל אִין שְׁטֶעטְל.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִין שְׁטֶעטְל, בִּפְרַט מִיטְ׳ן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי מוֹסְדוֹת. אִיךְ בִּין טַאקֶע נִישְׁט דָארְט מִיט אַייךְ בְּגוּף אָבֶער מַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז מִיט עֶנְק; אִיךְ הַאלְט מִיט אַלֶעס, יֶעדֶע פְּרָט וּפְרַט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן אוֹיפְבּוֹיעֶן וֶועגְט אוּן שֶׁענְק פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל, אִיךְ הָאף אַז בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע בַּאקְוֶועמֶע פְּלַאץ, סַיי פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן סַיי פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן נָאךְ אַ וַואנְט אִין סְקוּל; מִיר דַארְפְן נָאךְ אַ כִּתָּה פַאר דִי קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט דָאס מַאכְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן זוּנְטָאג וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין סְקוּל, אַז אוֹיף מָאנְטָאג זָאל עֶס זַיין גְרֵייט.

אִיךְ הָאף אַז בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

יֶעצְט פָארְן מִיר אִם יִרְצֶה ה׳ קַיין אוּמַאן, דָארְט וֶועלְן מִיר פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת פַאר אַלֶעמֶען.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶער תַּלְמִידִים ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתְךָ תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג בַּיי אַייךְ.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי סֶדְרָה דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, דִי מִצְוָה פוּן ״הַכָּרַת הַטּוֹב״, צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן: ״יְיַשֶׁר כֹּחַ!״ ״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כְּפוּי טוֹבָה״.

וְ׳אָמַרְתָּ לִ׳פְנֵי י׳ אֱ׳לֹקֶיךָ (דְּבָרִים כו, יג); אִיךְ זָאג פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיין גַאנְצֶע עָבַר פוּן וואוּ אִיךְ קוּם, וָואס בִּין אִיךְ דֶען פַאר מִיר אַלֵיינְס אָן דֶעם צַדִּיק? אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז נָאר חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר נִיכְטֶע וְכוּ׳; עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פוּן זִיךְ אָנְטוּן ״נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג״, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַן עֶרְגֶערֶע וֶועג, וָואס דָאס אִיז ״פְּרִיצוּת׳דִיג״; אוֹיבּ גֵייט זִי אָנְגֶעטוּן ״פְּרִיצוּת׳דִיג״, דַאן קֶען זִי נִישְׁט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי עֶנְק, אָבֶּער אַז זִי גֵייט ״נִישְׁט אַזוֹי צְנִיעוּת׳דִיג״ דֶעמָאלְט אִיז כְּדַאי אִיר צוּ מְקָרֵב זַיין, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי צוּבִּיסְלֶעךְ שְׁטַייטֶעלֶעךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי וֶועג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג בַּאצָאלְן פַארְן רֶבִּי׳ן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מִיטְ׳ן אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.
~~~~~~~~~~~

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹנֵן זַיין וִויפִיל מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַּארְ'ן רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זֶען אַז וִויפִיל מִיר וֶועלְן נָאר טוּן וֶועט דָאס נִישְׁט צוּקוּמֶען נִיטְאַמָאל צוּ אַ טִפָּה מִן הַיָם וִויפִיל מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אוּנְזֶער שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן הֶעלְפְּן דֶעם מוֹסָד; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְּן אִין אוּמַאן אַז דֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה מְבֹרֶכֶת.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרִיס פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל; זָאג זֵיי אַז לְעֵת עַתָּה בִּין אִיךְ נִישְׁט דָארְט בְּגוּף אָבֶּער מַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז דָארְט. אִיךְ זָארְג פַּארְ'ן חִינוּךְ אוּן פַאר דִי עָתִיד פוּן דִי קִינְדֶער; דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס רֶעדְן צוּ מִיר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט פוּנֶעם מוֹסָד, פוּן יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַּארְשְׁטֵייט מִיר אוּן קֶען מִיר הֶעלְפְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט פָּארְן מִיר שׁוֹין קַיין אוּמַאן; דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ וֶועלְן מִיר זַיין אִם יִרְצֶה ה' בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. דָארְט וֶועלְן מִיר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן אוּנְזֶער פַּארְוֵוייטָאגְטֶע הַארְץ, דָארְט וֶועלְן מִיר קֶענֶען אַבִּיסְל וֵויינֶען; דָארְט שְׁפִּירְט מֶען עֶפֶּעס מֶער וואוּ אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, מֶען שְׁפִּירְט וִוי: "עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס פַּארְשְׁטֵייט מִיר אוּן קֶען מִיר הֶעלְפְן", דָארְט וֶועלְן מִיר פוֹעֶל'ן אַ גוּט יָאר, אַ זִיס יָאר אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

בִּפְרַט דוּ - טֵייעֶרֶער... - וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט, אָן קַיין טַעְנוֹת, אָן קַיין מַעֲנוֹת אוּן אָן קַיין עֶרְוַוארְטוּנְגֶען וְכוּ' וְכוּ', דוּ הֶעלְפְסְט מִיר פָּשׁוּט וַוייל דוּ גֶעדֶענְקְסְט וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען דָא בַּיים רֶבִּי'ן אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, וֶועסְטוּ מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן אִיךְ זָאל קֶענֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים מִיט אַ רוּאִיגְקַייט.
~~~~~~~~~~~

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין בַּאלְד זָאגְן סְלִיחוֹת בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ע): ״הַיִתָּכֵן מִיר לָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְן גְזֵירוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוען מִיר וָואלְטְן מֶער גֶעבֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָואלְטְן אַלֶע גְזֵירוֹת בָּטֵל גֶעוָוארְן״; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי פַאר זִיךְ אוּן סַיי פַאר אַלֶע אִידְן, מֶען דַארְף טַעְנֶה׳ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער. ווִיפִיל אִידְן לַיידְן נֶעבֶּעךְ בִּיטֶערֶע מַחְלוֹת, ווִיפִיל אִידִישֶׁע פָּארְפֶעלְקֶער ווַארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, ווִיפִיל בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ ווַארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, ווִיפִיל אִידְן דַארְפְן פַּרְנָסָה, מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אַלֶע אִידְן דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר וֶועלְן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זֵיי.

מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת, מִיר גֵייעֶן שְׁרֵייעֶן אוּן ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״׳פְּנֵה נָא אֶל הַתְּלָאוֹת וְאַל לַחֲטָאוֹת׳; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק אוֹיף דִי לַיידְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קוּק נִישְׁט אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק ווִיפִיל אִידְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט, ווִיפִיל אִידְן מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן ווִיפִיל אִידְן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שִׁידוּכִים״.** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין: ״תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ״, דִי יָאר זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, ״תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ״, עֶס זָאל קוּמֶען אַ נַייעֶ יָאר נָאר מִיט גוּטְ׳ס פַאר אַלֶע אִידְן.

שׁוֹין נִישְׁט קַיין טְרֶערְן אוּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְרֶעכְצְן; יֶעדֶע תְּפִלָּה, יֶעדֶע קְרֶעכְץ אוּן יֶעדֶע טְרֶער - גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוֹעֶלְ׳ט יְשׁוּעוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין שׁוֹין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה - בִּכְלָלִיּוֹת וּבִפְרָטִיּוֹת, יֶעדֶער זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אוּן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְּן וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט דִיר אַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט וְכוּ'; עֶס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְקְרָאכְן, קֶען עֶר זִיךְ אַלְץ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִילוּ הִגְדִיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ - וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעְלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָּם", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

בְּרוּדֶער טֵייעֶרֶער, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת! אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וַוייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.
~~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וְחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ סְגוּלָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן רְשָׁעִים - נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן זֵיי.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

הַגַם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט אַייךְ נֶעכְטְן צוּזַאמֶען מִיט מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, וִויל אִיךְ אַייךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; אִיר זָאלְט גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר טוּט אַלֶעס, קֵיינֶער קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן אַוַדַאי נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

דֶער עַסְקָן ... קֶען אַייךְ גָארְנִישְׁט טוּן אוּן דֶער רָב ... קֶען אַייךְ אוֹיךְ גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס זֶעט אֶפְשָׁר אוֹיס וִוי מֶענְטְשׁ טוּעֶן אוּן מֶענְטְשְׁן מַאכְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אַז אִיר וֶועט חַזֶר׳ן דִי אֱמוּנָה, אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה - וֶועט אִיר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן אַייךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ סְגוּלָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן רְשָׁעִים - שֶׁלֹּא לִפְחֹד, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי״.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה וּבִטָחוֹן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת פַּחַד, סִימָן טו): ״עַל-יְדֵי בִּטָּחוֹן לֹא יִהְיֶה לְךָ פַּחַד״, וֶוער עֶס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם; וַוייל עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן סְטְרַאשִׁינְקֶעס וְכַדוֹמֶה.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט; דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וְחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה. וֶוען עֶלְטֶערְן הָאבְּן טַעֲנוֹת וְכוּ׳; זֵיי שְׁרַייעֶן אוּן פַּארְפִירְן, דַארְף מֶען בְּלַייבְּן שְׁטִיל, מֶען דַארְף שְׁטֵיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען דַארְף וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען עֶנְטְפֶערְט אִיז דָאס חוּצְפָּה אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז גֶערֶעכְט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע וֶוען זֵיי גֶעבְּן אַייךְ מוּסָר וְכוּ׳; אִיר זָאלְט אוֹיסְהֶערְן מִיט הַכְנָעָה אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין. עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן, מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף וֶוען אִיר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן קִינְדֶער וֶועט אִיר אוֹיךְ זָאגְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער מוּסָר וְכוּ׳; וִוי אַזוֹי וֶועט אַייךְ שְׁמֶעקְן וֶוען אַייעֶר קִינְד וֶועט עֶפֶּעֶנְען אַ מוֹיל אוֹיף אַייךְ? וִוי אַזוֹי וֶועט אִיר דָאס נֶעמֶען וֶוען אַייעֶר קִינְד וֶועט הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס אִיר זָאגְט?

אַז מֶען הָאט מְצַעֵר גֶעוֶוען דִי עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען זֵיי אִיבֶּער בֶּעטְן; מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף יוֹם הַכִּפּוּרִים אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען זֵיי גְלַייךְ אִיבֶּער בֶּעטְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס מֶען טוּט פַאר פִּימְפְּלְס וְכוּ׳; פִּימְפְּלְס קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז אִיר ווִילְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי פִּימְפְּלְס זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחְלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ

רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**זָאגְן תִּקּוּנֵי זוֹהַר אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל; זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַלֶע אִידְן צוּ זָאגְן תִּקּוּנֵי זוֹהַר, זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּקּוּנִים; דָאס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל בֶּעטְן אַ תִּיקוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת; דֶער אִיד אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף כְּרִיתוּת וּמִיתוֹת בֵּית דִין רַחְמָנָא לִצְלַן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן פִינְף דַפִּים תִּקּוּנֵי זוֹהַר, דֶער אִיד הָאט דָאס מְקַיֵים גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר אִיז אַזוֹי הֵיילִיג אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער וֶוערְט אִינְגַאנְצְן טָהוֹר.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא): ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת״, דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וָואס זֶענֶען דִי רְוָחִים בְּרוּחָנִיוּת. אַזוֹי ווִי בְּגַשְׁמִיוּת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בִּיזְנֶעס דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְפְרֶעגְן בַּיים בוּכְהַאלְטֶער צִי דִי בִּיזְנֶעס פַארְדִינְט אָדֶער דֶערְלֵייגְט, אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בּוֹדֵק זַיין: ׳וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט?׳ ׳אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ?׳ אוּן זֶען זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן.

וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען וֶוען מֶען וֶועט אוּנְז אַוֶועק לֵייגְן אִין בֵּית הַחַיִים? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק טו): ״לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ״, אַז אַ מֶענְטְשׁ
~~~~~~~~~~

גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וֶועט אִים דָאס בַּאגְלֵייטְן אוֹיף אֵייבִּיג; מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן דָאס שְׁטֵייט אִין אַלֶע זַיינֶע סְפָרִים; אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אוּן וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים; נָאר דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אוּן הֶעלְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער כְּדֵי דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי פַארְבְּרֶענְג; עֶס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר אוּן אוֹיךְ אַ שֵׁיינֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְג דוּרְךְ חָשׁוּבֶ'ע פְּרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיט תְּפִילָה וֶועט זַיין שֶׁפַע אוֹיף יוֹם טוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

דַאנְקְטְס אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַזַא טֵייעֶרֶער חָשׁוּבֶ'עֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן נָאךְ נִיסִים; אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים, אוֹיף דֶער וואוּלֶער מַאן וָואס אִיר הָאט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

אִיר וואוֹינְט דָאךְ נִישְׁט וַוייט פוּן קֶבֶר רָחֵל, כַאפְּטְס אַייךְ אַרִיבֶּער צוּ מַאמֶע רָחֵל, דָארְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף צוּם לֶעבְּן אוּן גֶעלְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב.

מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאוּוּסְטֶער מַגִּיד רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין שׁוּלְ'ן הַאלְטְן דְרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט וְכוּ' וְכוּ'",
~~~~~~~~~~~

זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן ז"ל: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר הֶעלְפְן", דֶער אִיד קוּקְט אָן דֶעם רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זָאגְט: "מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט קוֹים פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן?" אוּן עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "פַארְוָואס מַאכְט אִיר חוֹזֶק פוּן מִיר?!" זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן: "אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין טַאטֶע פוּן צְפַת, אִיךְ מֵיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל - דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן! בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר".

דָאס זָאלְט אִיר טוּן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב אוּן מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּבּ; נִישְׁט דָא קַיין אֵיין שֶׁקֶל אוֹיף יוֹם טוֹב, מִיר דַארְפְן גֶעלְט פַאר דַיינֶע מִצְוֹות אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיר דַארְפְן אַ סוּכָּה, ד' מִינִים, קְלֵיידֶער וְכוּ'".**

בֶּעט אַייעֶר מַאן יֶעצְט וֶוען עֶר פָארְט קַיין אוּמַאן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם צִיוּן; עֶר זָאל גֵיין צוּם צִיוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָארְט זָאל עֶר בֶּעטְן פַאר יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת אוּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

אִיךְ ווִיל אַייךְ אָנְמֶערְקְן אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיר הָאט מִן הַסְתָּם נִישְׁט אִינְאַכְט גֶענוּמֶען, וֶוען אִיר שִׁיקְט אַן אִימֶעיל קוּמְט אַרוֹיף אַ בִּילְד פוּן אַייךְ מִיט אַייעֶר מַאן, ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט דָאס אַרָאפְּנֶעמֶען. אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן בִּילְדֶער פוּן אַייךְ אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַ בִּילְד פוּן זִיךְ מִיט אַייעֶר מַאן וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת אַז פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זֶען פְּרִיוַואטֶע בִּילְדֶער, אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ בֶּעט אַייךְ.

אַ כְּתִיבָה וְחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

מְחַזֵק זַיין דִי לֶערֶערְנְס פוּן סְקוּל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ.

זַייט מְחַזֵק אַייעֶר טָאכְטֶער זִי זָאל נָאךְ מַמְשִׁיךְ זַיין אִין סְקוּל לֶערְנֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ בִּיז יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא צוּפִיל טֶעג פוּן הַיינְט בִּיז יוֹם טוֹב סוּכּוֹת; אִיךְ הָאף צוּ טְרֶעפְן נָאךְ אַ גוּטֶע לֶערֶערִין צוּ לֶערְנֶען צְווֵיי שָׁעָה מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ עֶנְגְלִישׁ אוּן אַייעֶר טָאכְטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט זֵיי אִידִישׁ, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין גְרִינְגֶער.
~~~~~~~~~~~

דִי זְמַנִים פוּן סְקוּל קֶען מֶען נִישְׁט בַּייטְן צוּלִיבּ דִי טִיטְשֶׁער וְכוּ'; אַז דִי טִיטְשֶׁער'ס הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ דארְף מֶען זֵיי הֶעלְפְן, אָדֶער צֶעטֵיילְן דִי אַרְבֶּעט פַאר נָאךְ אַ פְּרוּי אָדֶער זֵיי הֶעלְפְן אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם טָאג אַז עֶס זָאל זֵיי זַיין גְרִינְגֶער.

שְׁטַארְקְט אַייךְ וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע אֱמֶת - מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן זַיינֶע לִימוּדִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוּ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אִיר מָרַת ... תִּחְיֶ' זָאלְט מְחַזֵק זַיין נְשׁוֹת בְּרֶסְלֶב, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין: "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כָּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְאַפּוֹ, ה' אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ, וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**תּוֹרָה בְּרֶענְגְט גֶעלְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים; זֵיי שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא. וּבִזְכוּת וָואס דוּ לֶערְנְסְט וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלז): עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזֶען אוֹיף זַיין חַבֵר אַז עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי דֶער חַבֵר הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן אִים. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעט עֶר ווִי דֶער חַבֵר הֵייבְּט אָן מַצְלִיחַ צוּ זַיין, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, פַארְוָואס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט? עֶר אִיז מַצְלִיחַ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר', אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶס שְׁטֵייט אַ קוּפְּקֶע אוּן עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ גְרִידֶער ווִי מֶען צֵיילְט גֶעלְט, אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאנְט הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דִיר נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעלְט, דִי גֶעלְט בַּאלַאנְגְט פַאר דַיין אַלְטֶער חַבֵר", הָאט עֶר זֵיי
~~~~~~~~~~~

גֶעפְּרֶעגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן ווי עֶר טוּט אַן עֲבֵירָה?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶועןצוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶּער דוּ לֶערְנְסְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר גֶעבְּט מֶען פַאר דַיין חַבֵר גֶעלְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, ווייל מָעוֹ"ת אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבֶּה תּ'וֹרָה (סוֹטָה כא.), עֲבֵירָה לֶעשְׁט נִישְׁט אוֹיס דִי תּוֹרָה", קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה דָארְט.

אֲפִילוּ דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן זָאלְסְטוּ ווייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ; גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה אוּן עֶס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִידְ'ל אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ עָנִי וְאֶבְיוֹן; וֶוען זַיין ווייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אֵיין טָאג גוּט אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ; דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מַיין הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**נָאר דוּ בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֵייסְט מִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אוֹיבּ אִיר הָאט בַּאקוּמֶען מַיין בְּרִיוו.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט; אִיךְ שְׁפִּיר ווי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט לֶעבְּן. קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט, נָאר דוּ טַאטֶע זִיסֶער, נָאר דוּ רַחְמָנוּת'דִיגֶער טַאטֶע קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין, וויפִיל אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, וויפִיל מֶען
~~~~~~~~~~

הָאט מִיר גֶעפַּיינִיגְט, וְויפִיל אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעמַאכְט אוּן אִיךְ מַאךְ מִיט; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ אוּיפְצִיעֶן מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אוּמְזִיסְטִיגֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין פוּל מִיט סְפֵיקוֹת, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, יֶעדֶע מִינוּט טְרַאכְט אִיךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אֵיין רֶגַע טְרַאכְט אִיךְ 'יָא' אֵיין רֶגַע טְרַאכְט אִיךְ 'נֵיין', פוּן דֶעם אַלֶעם וֶוער אִיךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, טוּ מִיט מִיר וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר תְּפִילָה אוּן זֵייעֶר עֶרְלִיכְקַייט; בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִיק, בִּזְכוּת דָוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

חִזוּק פַאר אַ תַּלְמִידָה אִין בֵּית פֵיגֶא.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק יצ"ו.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

1) ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; אִין תְּהִלִּים לִיגְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): "אֲמִירַת תְּהִלִּים מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ. כִּי הוּא אֲמָרָם בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, וְהָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ מֻנָּח בְּתוֹךְ הַתֵּבוֹת, וּכְשֶׁאוֹמְרָם הוּא מְעוֹרֵר בְּרוּחַ פִּיו אֶת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים מִיט אַזַא רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט תְּהִלִּים שְׁפִּירְט וִוי דֶער קַאפִּיטְל מֵיינְט אִים.
~~~~~~~~~~~

דֶערְפַאר וֶוען דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיג צַייט זָאלְסְטוּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן זָאגְן דֶעם ״יוֹם״, נָאכְדֶעם אַז דוּ הָאסְט נָאךְ צַייט קֶענְסְטוּ זָאגְן דֶעם ״תִּיקּוּן הַכְּלָלִי״.

2) דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ מִחוּץ לְמַחֲנֶה וְכוּ׳; ווייסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען זִיצְן אִין בֵּית פֵּיגָא סְקוּל אָבֶּער מֶען אִיז נִישְׁט דָארְט, ווידֶערְאוּם קֶען מֶען זַיין טוֹיזְנְט מַייל אַוֶועק פוּן בֵּית פֵּיגָא אָבֶּער מֶען אִיז ״אִין״ בֵּית פֵּיגָא.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס ווילְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן זֵיי הָאבְּן מְנִיעוֹת: ״אִיר זֶענְט מֶער ׳אִין׳ יְשִׁיבָה ווי אַסַאךְ וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ צְווִישְׁן דִי פוֹס״; דֶער עִיקָר אִיז דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה, אַז מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן פוּן רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן - דֶעמָאלְט גֶעפוּנְט מֶען זִיךְ צְווִישְׁן זֵיי.

הַיינְט צוּ טָאגְס קֶען מֶען הֶערְן אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אוּן פוּן סְקוּל אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן אוּן זַיין מֶער צוּגֶעבִּינְדְן אוּן בַּאהָאפְטְן ווי וְכוּ׳.

3) שִׁיק אַרַיין דַיין פּוּשְׁקֶע, מִיט דִי גֶעלְט וֶועל אִיךְ דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן אִיךְ וֶועל דִיר צוּרִיק שִׁיקְן אַ לֵיידִיגֶע פּוּשְׁקֶע.

4) בְּנוֹגֵעַ אַז דוּ ווילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן; דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע מֵיידֶל, אַלֶע גֶעזוּנְטֶע מֵיידְלֶעךְ ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין בַּאשֶׁערְטֶע זִיווּג.

5) אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען פַאר דִי נַייעֶ יָאר וְכוּ׳; נֶעם זִיךְ פָאר אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוּמְגֵיין אִין שְׁטוּב אָן שְׁטְרוּמְפּ אָדֶער טֵייץ, אֲפִילוּ וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט.

6) דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט שִׂמְחָה, אַז מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְפְרִי: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיר אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַנְדֶערֶע״.

7) אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן נָאךְ אַ טִיטְשֶׁער, אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער מִיט דִי קִינְדֶער. אַ הַאלְבֶּע טָאג וֶועסְטוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי אִידִישׁ אוּן דִי צְוֵייטֶע טִיטְשֶׁער וֶועט לֶערְנֶען סוֹף טָאג עֶנְגְלִישׁ.

אִיךְ פָאר יֶעצְט צוּם רֶבִּי׳ן, דָארְט וֶועל אִיךְ מַזְכִּיר זַיין אַלֶע דַיינֶע בַּקָּשׁוֹת אוּן אַלֶע דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִם יִרְצֶה ה' מָארְגְן פָאר אִיךְ מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶרע קִינְדֶער בִּפְרָטִיּוּת.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

פוּן אֵיין זַייט הָאט אִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צָרָה וְכוּ', אָבֶער וֶוען אִיר וֶועט קוּקְן אוּן זוּכְן מִיט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ אוֹיג וֶועט אִיר זֶען אַז "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים"; אִיר וֵוייסְט וָואס פַאר אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט? מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן - אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט צָרוֹת מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט עֶר אַלְץ זָאגְן: "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים", עֶר הָאט נָאר גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאר גֶעזוּכְט צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אַ אִיד.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס אוּן חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מִיר פָּארְן שׁוֹין הַיינְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן; כָּל זְמַן מִיר זֶענֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועלְן מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קֵיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תחה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר אַ מַתָּנָה, אוּן נִישְׁט נָאר אִיר זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיר כַאפְּן נִישְׁט וָואס פַאר אַ נֵס דָאס אִיז אַז מִיר פָּארְן צוּם רֶבִּי׳ן; וָואס הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין פוּן דִי וָואס פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר עֶר אִיז אַרַיין אִין רֶבִּינְ׳ס שְׁטוּבּ אוּן גֶעזָאגְט: "וַאֲנִי" - אִיךְ וֵוייס דָאךְ וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין זְכוּת צוּ זַיין מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן רֶבִּי׳ן? נָאר וָואס דֶען, "בְּרֹב חַסְדְּךָ" - מִיט דַיין גְרוֹיסֶע חֶסֶד הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן בַּאשֶׁעפֶער, אַז "אָבוֹא בֵיתֶךָ, אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ".

דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיךְ זָאגְן: "וַאֲנִי", וָואס הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ אַזַא רֶבִּי, צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִימוּדִים אִין דִי וֶועלְט וָואס דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה? וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן מֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן אַז אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן? ווִי אַזוֹי אִיז דָאס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין מִתְנַגֵּד - ה׳ יְרַחֵם - אוֹיף אַזַא רֶבִּי? נָאר "בְּרֹב חַסְדְּךָ" - מִיט דַיין גְרוֹיסֶע חֶסֶד הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז "אָבוֹא בֵיתֶךָ, אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ".

פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ אַז זִי לָאזְט דִיר פָּארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אִין אוּמַאן דַארְף מֶען פוּן פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים פֹּה עִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יצ״ו, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; ווייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז אִין אוּמַאן דַארְף מֶען פוּן פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי חֵשֶׁק אוּן כִּסוּפִין וָואס מֶען הָאט פַאר מֶען פָּארְט, מֶען דַארְף פְּרִישׁ אָנְהֵייבְּן בֶּענְקֶן צוּם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן עב): ״לִפְעָמִים בָּא לָאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְנַעֲשֶׂה בְּאוֹתוֹ שָׁעָה אִישׁ כָּשֵׁר, וְאַחַר כָּךְ רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת עֲבְדָא כַּאֲשֶׁר שֶׁנִּתְעוֹרֵר לָבוֹא לִתְשׁוּבָה, בְּכֵן רוֹצֶה לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִילָה, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, ווִי נֶענְטֶער עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק אַלְץ מֶער וֶוערְט בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן דִי חֵשֶׁק, זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״אַל יִקְשֶׁה בְּעֵינֶיךָ זֹאת, וְאַל יִבַהֲלוּךָ רַעְיוֹנֶיךָ עַל זֶה״, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער דֶער עֶרְשַׁיינוּנְג, ״כִּי דַּע, שֶׁזֶּה נִמְשָׁךְ מֵחֲמַת כִּי בַּתְּחִלָּה כְּשֶׁבָּא לוֹ הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁהִתְעוֹרֵר בְּתוֹכוֹ אֲזַי עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו בְּאוֹתוֹ שָׁעָה הֵמִית יִצְרוֹ, וְנִתְבַּטֵּל יִצְרוֹ הָרַע שֶׁהָיָה לוֹ, כִּי הֵמִיתוֹ בְּזֶה הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְהָעֲבְדָא שֶׁל אוֹתוֹ הַשָּׁעָה. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁרוֹצֶה לִנְסֹעַ מִתְגַּבֵּר עָלָיו יֵצֶר הָרָע אַחֵר, וְיֵשׁ לוֹ עַתָּה יֵצֶר הָרָע גָּדוֹל מִמַּה שֶּׁהָיָה לוֹ תְּחִלָּה. עַל כֵּן אִם אֵינוֹ מִתְחַזֵּק נֶגְדוֹ אֲזַי מִתְגַּבֵּר עָלָיו זֶה הַיֵּצֶר הָרָע הֶחָדָשׁ, וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִלָּה. כִּי צָרִיךְ הִתְגַּבְּרוּת חָדָשׁ בְּיוֹתֵר נֶגֶד זֶה הַיֵּצֶר הָרָע הֶחָדָשׁ שֶׁבָּא לוֹ כַּנַּ״ל״, דָאס קוּמְט וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ בַּיי אַ צַדִּיק, אַלְץ מֶער צַדִּיק וֶוערְט עֶר אוּן דֶערְפַאר בַּאקוּמְט עֶר אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶערֶע יֵצֶר הָרָע, מִמֵּילָא דַארְף עֶר זִיךְ מֶער שְׁטַארְקֶן.

בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ אוּן דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין דִי גַאסְן אִין אוּמַאן; אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן בִּיסְט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיּוּן אוּן אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
~~~~~~~~~~~

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**זיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עש״ק פַּרְשַׁת נִצָּבִים פֹּה עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יצ״ו, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִינֶעם לֶעצְטְן שַׁבָּת פוּן שְׁנַת תשע״ט, דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת; אַ גַאנְץ שַׁבָּת דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רצז): ״הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי, הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת״, זַיין בַּיי מִיר שַׁבָּת אִיז מֶער אוּן גְרֶעסֶער וִוי פַאסְטְן זִיבְּן מָאל מִשַׁבָּת לְשַׁבָּת.

וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן אוּן מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תצה): ״אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ״, וֶוען אִיר וָואלְט גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר, וָואלְט אִיר זִיכֶער אַהִין גֶעלָאפְן אוּן גֶעזוּכְט וִוי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען דֶערְפוּן, אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, אִיר וָואלְט אַרַיין גֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, ״וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ״, אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיךְ נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן - גֵיי נָאכְאַמָאל; יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם צִיּוּן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ תִּקּוּנִים בְּזֶה וּבְבָא. בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רֵיין מַאכְן דָאס הַארְץ, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ ״לֵב - בָּשָׂר״, אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ הַארְץ, אַ רֵיינֶע הַארְץ, קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אוּן קֶענֶען יֶעדֶעם לַיידְן, בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,
~~~~~~~~~~

זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן. נֶעם אַרוֹיס פוּן מַיין הַארְץ דִי שִׂנְאָה וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ ..., אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט סוֹבֵל זַיין, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד, אִיךְ זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם", בַּיים צִיוּן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע הַארְץ.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "דֶער רֶבִּי קֶען נֶעמֶען דֶעם גְרֶעסְטְן בַּעַל עֲבֵירָה, חוּץ אַ בַּעַל מַחֲלוֹקֶת"; אַ בַּעַל מַחְלוֹקֶת הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי'ן. דֶערְפַאר לָאמִיר זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה, נָאךְ סְלִיחוֹת וֶועסְטוּ קֶענֶען גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, וִיהִי רָצוֹן שֶׁיִּמְתְּקוּ הַדִּינִים וְהַגְּבוּרוֹת הַקָּשׁוֹת מֵעָלֶיךָ עַל יְדֵי פֶּלֶא עֶלְיוֹן, שֶׁהוּא חֲסָדִים גְּדוֹלִים וְרַחֲמִים גְּמוּרִים וּפְשׁוּטִים, שֶׁאֵין בּוֹ תַּעֲרוּבוֹת דִּין כְּלַל, אָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּנֶעם יָאר מִיט תּוֹרָה תְּפִלָּה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים פֹּה עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יצ"ו, כ"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו; מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט בַּיים לֶעצְטְן טָאג פוּנֶעם יָאר, דִי בַּת מֶלֶךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה א', מֵאֲבֵידַת בַּת מֶלֶךְ): "אִינֶעם אוּנְטֶערשְׁטְן טָאג זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁפֶּעטִיגְן צוּ קוּמֶען מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע", זָאלְסְטוּ זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט מִיט תּוֹרָה תְּפִלָּה.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ פַאסְטְן מָארְגְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז חֲצוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל פַאסְטְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז חֲצוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקפא, סְעִיף ב): "נוֹהֲגִין לְהִתְעַנּוֹת בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אַ גוּטֶע וָואךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~